№ 126 | פרייז 2 קאפ. | Lodzer Tageblatt.

לאדזער טאגעבלאט

אנאנסען-פרייז: א שורה פעטיט אין טעקסט 1.20 קערבען און דריטע זייט 60 ק. לעצטע זייט 80 קאפ., גראטולאציאנען פערלאבונגס און חתונות-אנצייגען 1-טע זייט 1.50—לעצטע זייט 1 רובל. ניט אנגענומענע ארטיקלען ווערען ניט צוריקגעשיקט. פאר'ן אינהאלט פון אנאנסען איז די רעדאקציע ניט פעראנטווארטליך.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
פעטריקויער 16, טעלעפאן 867.
פיליע אין ווארשוי:
ח. רייזנער, נאווארדא 23, טעל. 17-63.

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדזש: א יאהר 8 רובל א האלב יאהר 4 רובל. א פערטעל יאהר 2 רובל. א חודש 70 קאפ. אין אויסלאנד: א חודש 1 רובל 25 קאפ. ענדערן דעם אדרעס קאסט 15 ק. אדרעס פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע Лодзь, Петроковская 16. אדרעס פאר דעפעשען: Лодзь. Тагеблатъ

1 (14 יוני) 1914. | זונטאג כ' סיון תרע"ד | זיבענטער יאהרגאנג

דער פראצעס פון „פאסטאווער" גאנטשארוק.

געענדיגט די בודזשעט-דעבאטען אין דער גאס. דומע.

קיעוו (ספ. צום לאדז. טאגעב.) דער אקרושנאי-סוד מיט'ן אנטייל פון געשווארענע ריכטער האט בע-טראכט דעם פראצעס פונ'ם העלד פון דער „פאסטאווער" טראגעדיע, גאנטשארוק, וועלכער איז בעשולדיגט געווען, אז אין יאהר 1906 האט ער אנטייל גענומען אין די פויערן-אונ-רוהען און צוזאמען מיט נאך איינינע האט ער געמאכט א פאגראם אויפ'ן גוט פון א געוויסען באדעאנאוויטש אין קיעווער אויעזד.

גאנטשארוק האט א חיטרע פויערן-געזינדל און א רויטע בארד. די שולד ווארפט ער ארויף אויף אנדערע, אויף א געוויסען לעליאניק און אויף זיינעם א קרוב איוואן גאנטשארוק. די עדות בעהויפטען אבער, אז ער איז געווען איינער פון די פאגראמטשיקעס.

לויט דער פאדערונג פון פראקוראר ווערט בעקאנט געמאכט, אז גאנטשארוק איז שוין עטליכע מאל פער-משפט געווען פון געריכט פאר פער-שידענע פערברעכענס. 8 יאהר איז ער געווען אין סיביר און אין ארעס-טאנטסקע-ראטעס און האט פער-לוירען זיינע רעכט.

דער פארזיצענדער פרעגט איהם: איהר האט אויך א פראצעס וועגען דער „פאסטאווער דיעלא"?

גאנטשארוק: דאכט זיך.

פארזיצענדער: רעדט דייטליך, יא אדער ניין.

גאנטשארוק: יא, מען בע-שולדיגט מיך אין פאסטאווער מארד.

נאך א קורצער בעראטונג טראגט ארויס דאס געריכט דעם אורטייל, לויט וועלכען גאנטשארוק איז פער-משפט געווארען אויף א יאהר מיט 10 חדשים ארעסטאנטסקע ראטעס.

די גאסוד. דומע.

פעטערבורג (פ.) אויף דער נעכטיגער דומע-זיצונג איז בעטראכט געווארען די סמיעטע פון דער קאנצע-לאריע פון קריעגס-מיניסטעריום.

ענגעלהארדט ווייזט אין א לענגערע רעדע אן אויף די פעהלערן פון דער רוסישער ארמעע און ער קומט צום אויספיהר, אז די פאליטיק פון אונצו-טרוי צו די געזעלשאפטליכע כחות קאן זיך שעדליך אפרופען אויף דער ארמעע ווי עס רופט זיך שעדליך אב אויף אלע צווייגען פון רוסישען לעבען. איהם ענט-פערט אב דער נאטשאלניק פון דער קאנצעלאריע פון קריעגס-מיניסטעריום אין נאמען פון מיניסטעריום.

עס רעדען נאך סקאבעלעוו, יעפ-ע-מאוו, שינגאריעוו און אנדערע.

די סמיעטע ווערט אנגענומען.

שפעטער ווערען נאך אנגענומען צווי-שען אנדערן די סמיעטעס פון פלאט-מיניסטעריום און פון מלוכה-קאנטראל.

צום סוף פון דער זיצונג ווערט אנ-גענומען דער בודזשעט פון די הכנסות לויט דער אויסרעכנונג פון דער בוד-זשעט-קאמיסיע.

דער פארזיצענדער בעגריסט די דומע מיט איהר ענדיגען די בודזשעט-וכוחים. (דווערנדע אפלאדיסמענטען אויף אלע בענק א חוץ די בענק פון דער אפא-זיציע).

וועגען בלומען-טעג.

פעטערבורג (ספ.) דער אינערן מיניסטער האט אויסגעארבייט א גע-זעץ וועגען ארויסגעבען ערלויבנישען אויף איינצואָרדנען בלומען-טעג. צו-ליעב א וואהלטעטיגען צוועק. לויט'ן נייעם געזעץ מוזען די בקשות וועגען א ערלויבניש דערלאנגט ווערען נישט שפעטער פון 1-טען יאנואר פון יע-דען יאהר.

וועגען אויסלאנדס-פעסער.

פעטערבורג (ספ.) די דומע-קאמיסיע איבער געזעצגעבערישע פאר-שלאגען בעטראכטענדיג די רעזאלוציע פון דער פינאנץ-קאמיסיע, וועלכע האט פארגעלעגט מבטל מאכען די אויסלאנדס-פעסער, נאר איבערלאזען דער אפצאהל פון די פערזאנען, וואס פאהרען קיין אויסלאנד, האט זיך ארויס-געזאגט פאר מבטל מאכען די אויס-לאנדס-פעסער און די אבצאהלונגען.

דער וויצע-דירעקטאר פון פאליציי-דעפארטאמענט האט פראטעסטירענדיג געגען דעם, אז מ'זאל גלייך מבטל מאכען די אויסלאנדס-פעסער, האט מיטגעטיילט, אז די ווירדאמסטווע ווערט אין קורצען ענדיגען דאס אויסארביי-טען פון דעם פאספארטען-אוסטאוו און וועט אויך נעהמען מבטל מאכען די אויסלאנד'ס-פעסער אויך די אינערלי-כע פעסער.

דאס בעגעגעניש פון קייזער מיט'ן רומענישען קעניג.

פעטערבורג (פ.) זייערע מא-יעסטעטען דער קייזער, די קייזערין, דער טראנפאלגער, דער גרויספירשט אלעקסיי ניקאלאיעוויטש און די קייזער-ליכע טעכטער האבען דעם 31 מאי בעוויליגט ארויסצופאהרען אויף דער קייזערליכער יאכטע „שטאנדארט" קיין קאנסטאנצא, כדי צו בעזוכען דעם רו-מענישען קעניג און קעניגין.

וואוינרעכט.

קורסק (ספ.) די געהיים-פאליציי האט ווידער אנגעהויבען צו פיהרען א שטרענגע „אויספארשונג" וועגען די יודען, וועלכע זענען נאר-וואס פרייגע-שפראכען געווארען אין די „יודישע פראצעסען", צי זיי פערנעהמען זיך מיט זייער פאך.

בורצעוו'ס פראצעס.

פאריז (ספ.) נעכטען האט אין געריכט געזאלט פארקומען דער פראצעס פון ח. ל. בורצעוו, וועלכען א געוויסער פאזנאנסקי האט אנגעקלאגט פאר רכילות. לויט דער השתדלות פון בורצעוו'ס פערטיידיגער האט דאס גע-ריכט אנערקענט פאר נויטיג די פער-זענליכע אנוועזענהייט פון פאזנאנסקי'ן, וועלכער איז ארויסגעפאהרען קיין רוס-לאנד.

בורצעוו האט, ווי בעוואוסט, בעשול-דיגט פאזנאנסקי'ן אלס פראוואקאטאר.

פאזנאנסקי האט שוין דערלאנגט אין געריכט א ביטע וועגען מבטל מאכען דעם פראצעס.

פרעס-קאנגרעס.

קאפענהאגען (פ.) פריטאג האט זיך געעפענט דער 16 אינטער-נאציאנאלער פרעסע-קאנגרעס.

דער אורטייל אין ביספינג-פראצעס.

ביספינג אנערקענט אלס שולדיג אין מארד.

נעכטען 4 א זייגער ביי טאג האט דאס געריכט ארויסגעטראגען זיין אורטייל אין סענסאציאנעלען ביספינג-פראצעס.

דאס געריכט האט איינגעפונען ביס-פינג'ן פאר שולדיג, אז ער האט **ערמארדעט דעם פירשט וואלא-דיסלאוו דרוצקי-לובעצקי אין א מאמענט פון א שטארקער אויפרעגונג (אפעקט) און דעם אנגעקלאגטען יאן ביספינג פער'משפט צו פערליערען אלע זיינע בעזונדערע רעכט און פריווילעגיעס און צו 4 יאהר ארעסטאנטסקע ראטע.**

די השתדלות פון די פער-טיידיגער, צו בעפרייען איהם אויף קויציע, איז אבגעוואר-פען געווארען.

*

אויף דער פרייטאג'דיגער זיצונג האט געהאלטען א רעדע דער אדוואקאט סמיאראווסקי, וועלכער האט געמאכט א שטארקען איינדרוק. אויך אדוואקאט פאפיעסקי האט געהאלטען א גלענצענדע פערטיידיגונגס-רעדע און דאס גאנצע פובליקום געצוואונגען איהם אויסצו-הערען מיט דער גרעסטער אויפ-מערקזאמקייט.

נעכטען פריה האט דער פראקוראר הערשעלמאן געהאלטען א צווייטע רעדע.

נאך די רעפליקעס פון די צדדים בעקומט ביספינג דאס „לעצטע ווארט". ער זאגט בלויז עטליכע ווערטער:

— איך האב שוין געזאגט, וואס כ'האב געהאט צו זאגען, דאס איז דער ריינער אמת.

דאן האט דאס געריכט פארמולירט פאלגענדע פראגען:

1) איז ביספינג שולדיג אין מארד? ווען יא, וועלכע שטראף קומט איהם?

2) איז ער בעגאנגען דעם מארד אין א מאמענט פון אפעקט (שטארקע אויפ-רעגונג)? ווען יא? וועלכע שטראף קומט איהם?

3) איז ביספינג שולדיג אין פאלשען וועקסלען און וועלכע שטראף קומט איהם דערפאר?

4) איז ביספינג שולדיג, אז ער האט געפרובט פער'סמ'ן דעם פירשט און; ווען יא—וועלכע שטראף קומט איהם?

5) מיט וועלכער שטראף זאל מען ביספינג'ן בעשטראפען, ווען ער וועט אנערקענט ווערען פאר שולדיג אין אלע פאלען?

לעצטע לאדזער נייעס.

איבערגעפאהרען געווארען א יודיש יונגעל דורכ'ן טראמוואי.

(ג) נעכטען ארום 8 א זייגער אין אווענד איז פון חויף אויף זגערזשער 76 ארויסגע-גאנגען צוזאמען מיט אנדערע קינדער אויפ'ן גאס דאס 6-יעהריגע קינד פון פורמאן גוט-מאן, זרח. דאס קינד איז אונבעמערקט ארויף אויף די טראמוואי-שינעס. און זעל-בען מאמענט איז אנגעפאהרען דער זגער-זשער טראמוואי, וועלכער איז דאס קינד איבערגעפאהרען און שווער פערוואונדעט, די ערשטע הילף דעם קינד האט ערטיילט דער דאקטאר פון פאגאטאווייע און דאן אין א האפנונגסלאזען צושטאנד אבגעפיהרט אין קינדער-שפיטאל אנא-מאריא.

א שוהל אויף גייערס רינג

לויט דער איניציאטיווע פון מעהרערע אנגעזעהענע בירגער פון גייערס-רינג, איזט געקויפט ווארדען אין דער קרוט'שא שטר. א פלאץ מיט א געבוידע וועלכע ווערט איבערגעבויט ווערדען אויף א שוהל. דארום חירד העפליך געבעטען אלע איינ-וואהנער פון דער שטאדט לאדז אונד אומגעגענד, ווי ווייט מעגליך בייצוטראגען פערשיעדענע סומען ווי אויך מנדב צו זיין געלדער צו אזא וויכטיגען צוועק ווי אויפבויען א שוהל פאר א קהלה.

נעהערע אויסקינפטע ביי זעליג קליין—רזשנאווסקא № 4. מאקס פלאצקער — פעטריקאווער שטר. № 294, אונד ביים פערוואלטער פון דער יודישער באנק „געגענזייטיגע הילף" רזשנאווסקא № 7. 5745

הזכרה

מארגען מאנטאג כ'א סיון וועט אין דער ווילקער-שוהל זאכאדניא 56 פארקומען א הזכרה נאך דעם פערשטארבענעם לאנגיעהריגען דאווענער און מיטגליעדער פון דער ווילקער-שוהל

נ"ע **זעליג בארוך** ז"ל

צו דער הזכרה ווערען געבעטען אלע בעקאנטע, פערוואנדטע און מיטגליעדער פון דער שוהל. 665 די בעלי-בתים.

היינט זונטאג דעם 1/14 יוני פון 11 ביז 1 וועט פארקומען דער 2-2

יעהרליכער אקט און עקזאמען

פון דער „טויב-שטומען-שולע" פון פעראיין „עזרת אלמים" זעליאנא 28 צו וועלכע געסטע און אלע די וועלכע עס אינטערעסירען זיך מיט דעם פער-איין ווערען געבעטען. 5742 די פערוואלטונג.

Jetta Szeps
Maurycy Szczęśliwy
ZARĘCZENI 664
Tomaszów, w Czerwcu 1914.

Dr. med. J. Leibowicz
ד"ר מעד. י. לייבאוויטש
84 דזשעלנא 84
אסיסטענט פון פראפעסאר קיסטנער אין (ברעסלוי), האט זיך בעזעצט אלס ספעציאלארצט פאר אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען, הארנקראנקהייטען דער פרויען. שפרעכשטונדען: ביז 10 פריה און פון 4 ביז 6 נאכמ. 11 9 5695

יעדער קאן בעקומען געלד
ווער עס האט איין פאליס פאן איינע פערזי-כערונגס-געזעלשאפט, וועלכע ווערט איז שוין לענגסט ניכט געצאהלט, אונד אויך ווען נור איינינע ראטען געצאהלט זינד. קאן זיך מעל-דען טעגליך פון 1—3 אונד פון 6—8 אבענ. וואווארסקא 37 וואהנונג 19. 666

Dr. med. H. Rożaner
ד"ר מעד. ה. ראזשאנער
ביז'ן 10-טען יולי ציעגעלשטר. 4
1569 טעל. 33-31.
לענגערע צייט ג. אסיסט. פון דער בערלינער קליניקען, ספעציאל-ארצט פיר הויט און וועגע-רישע קראנקהייטען. נייעסטע מעטאדען צור היילונג פון כראנישען טריפער (נאך ברענק) און סיפיליס (קאמבינירטע בעה-אנדלונג) מענער-שוועכע, בעלייכטונג פון הארן-קאנאל, היילונג פון הארן-אויספאלען. שפרעכשטונדען פון 8—12 און 4—8 נאכמ.

Dr. Aleksander Margolis 5696
ד"ר מעד.
אלכסנדר מארגאליס
מאגען-קראנקהייטען
זשעלאנא 6, טעלעפאן 6-13
ביז 11 מארגענס און פון 4—7 נאכמיטאג.

פערברענט געווארען 8 יודען בעת א שרפה.

דורכגעפאלען דער נייער פראנצויזישער מיניסטארען-קאבינעט.

ניו-יארק (ספ.) דאנערשטאג ביי דער נאכט איז אויף דער עסעקסטריט אויסגעבראכען א שרעקליכע שרפה אין א פינף-שטאקיגען טענעמענט-הויז, וואו ס'וואוינען בלויז יודען. די איינוואוינער פון הויז זענען אלע געשלאפען 4 פרויען, דריי מענער און קינדער זענען אומגעקומען א טייל אין פייער און א טייל זענען דערהרג'עט געווארען ביים ארונטער-שפרינגען פון די פענסטער. אויסער דעם זענען ניין פרויען שווער און 16 לייכט פערוואונדעט געווארען. בעת דער שרפה האבען זיך אבגעשפיעלט הארצ-רייסענדע סצענעס. דאס הויז איז גע-ווען אנ'אמת'ע „פאסטקע", פון וואנען ס'איז שווער געווען זיך צו ראטעווען.

די דעמיסיע פון נייעם מיניסטארען-קאבינעט.

פאריז (ספ.) ריבא און דעלקא-סע'ס קאבינעט איז אראפגעוואר-פען געווארען גלייך נאך דער ערשטער פאר-לאמענט-זיצונג. די לאגע איז איצט זעהר א קריטישע. ס'געהען קלאנגען, אז דער פרעזידענט פואנקארע וועט זיך אבזאגען. ס'איז אויך מעגליך, אז דער פארלאמענט וועט פונאנדערגעש-לאזט ווערען און ס'וועלען בעשטימט ווערען נייע וואהלען.

נאך ריבא'ס דעקלאראציע און דער דיסקוסיע, וואס איז ארויסגערופען גע-ווארען צוליעב דעם פארשלאג פון דעפוטאט דעלימע אין נאמען פון דער פעראייניגטער ראדיקאלער גרופע האט דער פארלאמענט אנגענומען מיט א מעהרהייט פון 306 געגען 262 שטימען דעם פארשלאג פון דער טאגעס-אר-דנונג פון דער פעראייניגטער ראדיקא-לע גרופע. לויט וועלכער ס'ווערט אויסגעדריקט אונצוטרוי דער נייער רע-גירונג. ריבא'ס קאבינעט האט גלייך דערלאנגט דעם פרעזידענט א ביטע וועגען דעמיסיע.

ערב מלחמה צווישען גריכענלאנד און טערקיי.

לאנדאן (פ.) וועגען די גריכיש-טערקישע בעציהונגען קומען אן בע-אונרוהיגענדע ידיעות. דעם „דיילי טע-לעגראף" מעלדעט מען פון אטהען, אז די טערקען האבען שוין אנגעהויבען די קריגס-אפעראציעס געגען גריכענלאנד.

אטהען (ספ.) יעדע שעה ווערען דא ארויסגעגעבען עקסטרא טעלעגראמען וועגען די ארויסשיקונגען פון גריכען פון קליין-אזיען. מען פאדערט, אז די גריכישע רעגירונג זאל ערקלערען א מלחמה טערקיי. די אויפרעגונג ווערט וואס א מאל גרעסער.

אין פאל ווען אלע בעמיהונגען צו מאכען שלום וועלען נישט ברענגען די געווינשטע רעזולטאטען און די רעגיע-רונג וועט נישט ערקלערען קיין מלחמה טערקיי וועט, ווי מען פערזיכערט אין גוט אינפארמירטע קרייזען, אהן שום ספק אויסברעכען א פאלקס-אויפשטאנד.

דער קאמפף מיט די סופראזשיסטקעס.

לאנדאן (ספ.) צוליעב דער ג'ויסער פראצעסיע פון די סופראזשיסטקעס, וועלכע האבען זיך דאנערשטאג גע-פרובט אריינרייסען אין פארלאמענט, האט די רעגירונג בעשלאסען אנצונעה-מען שטרענגע מיטלען געגען די סופ-ראזשיסטקעס. אין פארלאמענט איז אריי-נגעטראגען געווארען א אינטערפעלאציע וועגען דעם. דער קעניג האט געהאט א לענגערען געשפרעך מיט'ן מיניסטער מאק-קענא וועגען די מיטלען, ווי צו פערזיכערן דאס לאנד געגען די מעשים פון די סופראזשיסטקעס.

א באמבע-אויפרייס.

לאנדאן (ספ.) בעת אין פארלא-מענט האט מען בעטראכט די פראגע וועגען קאמפף מיט די סופראזשיסטקעס האט זיך פלוצלונג דערהערט א שרעק-ליכער באמבע-אויפרייס. די דעפוטאטען זענען אין אנגסט און שרעק ארויסגעלא-פען אויף דער גאס ווי ס'האט זיך ארויסגע-שטעלט איז דער אויפרייס פארגעקומען אנטקעגען איבער דעם פארלאמענט אין דער בעריהמטער קירכע דער „וועסטמיני-סטער אבט.", וואס רעכענט זיך ביי די ענגלענדער א „נאציאנאלעס היילינגטום". אין דער קירכע ליגען בעגראבען די ענגלישע מלכים, בעריהמטע דיכטער קינסטלער, מלוכה-מענער א. אז. וו. פון דעם אויפרייס איז בעשעדיגט גע-ווארען א טייל פון בנין און אנ'אלטער טראהן אויף וועלכען מען פוצט די ענג-לישע מלכים שוין זייט הונדערטער יאהרען.

א שרעקליכע קאטאסטראפע בעת א פראצעסיע.

טארנאווא (ספ.) בעת א פראצעסיע פאריגען דאנערשטאג האט זיך א פאהן אנג'שטויסען אן א עלעקטרישען דראהט און האט זיך אנגעצונדען. ס'איז געווא-רען א מהומה און א נעדרענג, בעת וועלכע איינינע פרויען און קינדער זענען צודריקט געווארען.

געשטארבען דער גרויסהערצאג פון מעקלענבורג-סטרעליץ.

בערלין (פ.) ס'איז דא געשטאר-בען דער גרויס-הערצאג פון מעקלענבורג-סטרעליץ.

נייסטרעליץ (פ.) אלס גרויס-הערצאג פון מעקלענבורג-סטרעליץ איז בעשטימט געווארען דער גרויס-הערצאג אדאלף פרידריך דער זעקסטער.

לייענט און אמוזירט זיך!

צוליעב דער גרויסער נאכפראגע איז ערשיענען אין א 2-טער אויפלאגע

„מגילת-דאטשע"

פון י. אוגער

העכסט-געלונגענע הומאר עסקען, וואו ס'ווערען ארויסגעפיהרט אינטערע-סאנטע טיפען „לעטניקעס" און א גאנצע ריח קאמישע סצענעס פון דאטשע-לעבען.

פרייז 15 קאפ.

צו בעקומען ביי אלע צייטונגס-פערקויפער.

די קאָלאָניזאַציע פון פוילישע יודען אין ארץ-ישראל.

(פון אונזער קארעספּאָנדענט).

אין איינעם פון מיינע פריהערדיגע בריעף האָב איך שוין געשריבען וועגען דער קאָלאָניזאַציאָנס-בעוועגונג צווישען די יודען פון פוילען און האָב מיטגע-טיילט, אז ס'האט זיך דא געגרינדעט א געזעלשאפט „תקות יעקב", וואס האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו גרינ-דען א ישוב פון פוילישע יודען אין ארץ-ישראל. די דאָזיגע אגודה האט שוין איצט 120 מיטגליעדער, צווישען זיי זענען אויך פאַרהאַן אייניגע פערזאָן, וואס פערמאָגען גרעסערע קאַפּיטאַלען. די געזעלשאפט קויפט שוין אויף ערד, און אין גיכען וועט זי צוטרעטען צ ארגאַניזירען די ארבייט.

דערווייליע פערשטאַרקט זיך וואס א מאָל מעהר די אימיגראַציע פון פוילען. איך אויף שבועות זענען געקומען קיין ירושלים א גרויסע צאָהל אורחים און עמיגראַנטען, און די האָטעלען זענען געווען איבערפולט.

די געזעלשאפט „תקות יעקב" האט בעשלאָסען קיין נייע מיטגליעדער ניט אויפצונעהמען, ביז די מיטגליעדער וועלען זיך פאָלשטענדיג אָרגאַניזירען און איינאָרדנען. דער שטראָם פון עמיג-ראַנטען וועלכע קומען פון פוילען, פער-גרעסערט זיך אָבער וואס א מאָל מעהר, און דערביי ער איז בעשלאָסען געוואָרען צו גרינדען א נייע געזעלשאפט, וואס זאל זיך פערנעהמען מיט'ן ישוב פון פוילישע יודען אין פּאַלעסטינא.

און ווירקליך איז אין יפו די טעג שוין פאָרגעקומען די גרינדונג פון דער נייער געזעלשאפט, וועלכע רופט זיך „נחלת אבות". לויט דעם פערלאַנג פון די גרינדער איז דער רב פון יפו, ר' אברהם יצחק קוק, אויסגעקליבען גע-וואָרען פאר א פאָרזיצענדען און פיהרער פון דער נייער חברה. די מיטגליעדער פון „נחלת אבות" זענען אלע פוילישע יודען, צווישען זיי א גרויסער טייל לאָדזער.

די טעג זענען שוין די דעלעגאַטען פון „נחלת אבות" ארויסגעפאָהרען קיין גליל, שומרון און „עמק יזרעאל", אום צו בעקענען זיך דאָרט מיט די בעדינ-גונגען אויף צו קויפען ערד. בעזונדערס איז זיי זעהר געפעלען געוואָרען עמק יזרעאל, וואו זיי האבען בעשלאָסען צו קויפען א גרויסען שטח לאנד פאר צוויי הונדערט פאמיליעס פון פוילישע יודען. דאס לאנד פון עמק יזרעאל, וואו זיי ווי-לען גרינדען דעם ישוב, געפינט זיך ניט ווייט פון דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע „מרחביה" און נאָהענט ביי דער אייזענבאהן-סטאַנציע „אפולי". דא האבען זיי געקויפט א גרויסען שטח ערד צו 50—55 פראנק פאר א דונאם. יעדער מיטגליעד, וואס וויל אריינטרעטען אין די אגודה „נחלת אבות" מוז צוויסען טהון, וויפיעל דונאם ערד ער וויל קוי-פען און בעצאהלען פאראויס צו 10 פראנק פאר יעדען דונאם.

בעת די דעלעגאַטען פון „נחלת אבות" זענען געווען אין גליל האב איך בעקו-מען פון זיי פאלגענדע ידיעה:

טיילט מיט דעם „לאָדזער טאגעבלאט" אז די דעלעגאַטען פון „נחלת אבות" האבען געפונען אין גליל א זעהר גוטען און פאסענדען ארט פאר א גרעסערען ישוב פון פוילישע יודען. דער פלאץ געפינט זיך ביי דער אייזענבאהן-סטאנציע צווישען טבריה און חיפה. די ערד איז זעהר פרוכטבאר און איז גוט פאר תבואות, אויך איז פארהאן וואסער א סך. די ערד קען מען קויפען צו 18 פראנק א דונאם.

אין א חדשים זעקס ארום וועט שוין פארטיג ווערען די אייזענבאהן-ליניע צווישען חיפה און ירושלים, און אויף אזא אופן וועט זיין א דירעקטע אייזענ-באהן-פערבינדונג צווישען ירושלים מיט דער קאלאניע. די יודען אין פוילען, וואס ווילען זיך בעזעצען אין ארץ-ישראל קענען שיקען א העך זייערע דעלעגאטען". אונטערגעשריבען:
אברהם שיינראק פון לאָדז.

אין דער אגודה „נחלת אבות" בעטיי-ליגען זיך איסער לאָדזער יודען אויך פיעלע פון ווארשוי, לובלין, ראדאם א. אז. וו.

אין א צווייטען בריעף, וואס איך האב בעקומען פון די גרינדער פון „נחלת אבות" שרייבט מען מיר, אז בעת באראן ראטשילד איז היינטיגען ווינטער געווען אין ארץ-ישראל האט ער צוגעזאגט אבצוגעבען א שטיק לאנד פאר הונדערט פערזאן אויף זעהר גוטע בעדינגונגען און אויסצוצאהלען אין צעהן-צוואנציג יאהר. א דאנק דער מיה פון „נחלת אבות" האט מען צווישען די הונדערט פערזאן אריינגענומען א געוויסע צאהל לאָדזער און ווארשעווער יודען. דער פערטרעטער פון באראן ראטשילד אין פּאַלעסטינא ה' פראנק איז איצט אוועקגעפאהרען קיין פאריז, אום ענדגילטיג דורכצופיהרען דעם וויכטיגען פלאן. ווי מען רעכענט, וועלען די הונדערט פערזאן אויך בע-קומען פון באראן גרעסערע הלואות אויף אויסצובויען הייזער א. אז וו.

אלע אגודות און גרופּעס האבען איי-בערגעגעבען ה' פראנק א בריעף צום באראן ראטשילד מיט א בעטע, אז ער זאל אויסלייהען 75 פראצענט פון דעם געלד, וואס זיי האבען נויטיג אויף איינ-צואָרדנען זיך און צו בויען הייזער.

ירושלים. מ. ז. גאָטהאַרד.

נור נאָך 7 טאָג

קענען אונזערע לעזער, וועלכע וועלען צושטעלען די קופאָנעס אָדער די אלגע-מיינע קופאָנעס, בעקומען, „די יודישע געשיכטע" פון פראָפ. גרעץ.

טאָג-נאָטיצען.

ריכטיגע ידיעות וועגען יודען.

האָט איהר א מאל געפונען א ריכ-טיגע ידיעה וועגען יודען אין א פוילישע צייטונג?

עס וועט קיין גוזמא נישט זיין, ווען מען וועט זאגען, אז די ערהליכסטע פוילישע צייטונגען שעפּען אויך זייערע ידיעות וועגען יודען פון—

פון וואו איהר ווילט, נאר נישט פון יודישען לעבען...

ווען איהר לייענט נאָטיצען וועגען יודישען לעבען, וועגען יודישע געשעפ-טען אין פוילישע צייטונגען ווערט איהר נישט איין מאל ערשטוינט, ווי די פּאָליאקען רעדען וועגען אונז.

מיר זאָלען נעהמען וואוינען הינטער די הרי חושך, וואָלט מען אויך געטענט וועגען אונז ברענגען ריכטיגערע ידיעות פון אונזער לעבען און פון אלץ, וואס קומט ביי אונז פאר...

עפּעס האָבען זיך אריינגעכאפּט אין דער פוילישער פּרעסע א פּאר ווידקעס משומדים, וואס זיי פערוואלטען מיט'ן „יודישען סטאל" אין די פוילישע רע-דאקציעס...

זיי זענען עס די פאבריקאנטען פון די אלע נאָטיצען און ידיעות וועגען יודישען לעבען אין די פוילישע צייטונגען.

און די טבע פון אזעלכע יודישע משומדים איז דאך אלעמען בעקאנט— מה יפית'ניקעס, אונטערלעקערס...

ווילען זיי נושא חן זיין ביי די פוי-לישע אנטיסעמיטישע רעדאַקטאָרען, זיך אונטערחנפ'ענען די פוילישע „דווא גראָשובקעס"—ברענגען זיי ידיעות, וועל-כע עס קאָנען געפעלען די „פּאַטריאָטען"...

זיי צודרעהען, צוקרימען אלץ, געבען אלץ איבער אין אזא ליכט, וואס זאל פּאַסען צו דער באיקאָטיסטישער ריכטונג פון דער פּרעסע; זיי מאכען פון יודי-שען לעבען מטעמים פאר'ן געשמאק פון די פוילישע באיקאָטיסטען!

מען קאן זיך שוין פארשטעלען, ווי מיר און ווי אונזער לעבען זעהט אויס אין דער פוילישער פּרעסע!

וועגען די כינעזער וועט איהר זיכער געפינען ריכטיגערע ידיעות אין דער פוילישער פּרעסע, ווי וועגען יודען, מיט וועמען זיי וואוינען אין שכנות...

און די פּאָליאקען זאָלען בעקומען נישט געפעלשטע און צומויק'טע נאָטי-צען און ציטאטען פון יודישען לעבען און יודישע צייטונגען—איז נאך אהן א ספק זעהר וויכטיג פאר אונז.

ווען די פּאָליאקען זאָלען אונז א ביי-סעל קענען וואָלטען דאך אזעלכע אומ-געלומפּערטע ווילדע בלבולים, ווי מיר הערען גאנץ אָפט אונמעגליך געווען...

כדי דאס צו דערגרייכען איז איצט געגרינדעט געוואָרען אין ווארשוי א יודישע געזעלשאפט מיט'ן צוועק צו פערשפּרייטען ריכטיגע ידיעות וועגען יודען.

די וויכטיגקייט פון אזא אינסטיטוציע איז גארנישט אָבצושאצען אין איצטיגען מאָמענט. ווען די געזעלשאפט זאל ווירקליך פיהרען א ברייטע טעטיגקייט, ארויסגעבען בראָשורען וועגען יודען און יודישקייט, צושיקען אינפאָרמאציעס די פוילישע צייטונגען וועגען יודישען לע-בען א. אז. וו.—וועט זי אונגעהייערען נוצען ברענגען אונזערע אינטערעסען אין פוילען.

און אפשר וועט עס מיטהעלפען, אז מען וועט אונז אנהויבען צו פערשטעהן און די פערשפּיצטע, פערשארפטע בע-ציהונגען וועלען א ביסעל שוואכער ווערען.

אפשר? א קשיא אויף א מעשה?

יעדענפאלס, דאס פעלד פון דער געזעלשאפט איז א גענוג ברייטע און איהר גרינדונג איז אין איצטיגען מא-מענט ווערט נאר בעגריסט צו ווערען!

לאָזער י.

ווי בעהאנדעלט מען יודישע סטודענטען?

די לאגע פון די יודען אין רומעניען איז דאך גענוג בעקאנט אלעמען. מעהר פון אלץ לייהען אָבער לעצטענס די יודישע סטודענטען אין רומעניען, וועל-כע ווערען אונגעהייער שלעכט בע-האנדעלט.

ווי אזוי מען בעהאנדעלט אין רו-מעניען יודישע סטודענטען בעווייזען אונז פאלגענדע פאקטען:

שוין מיט א יאהר צוריק האבען די רומענישע סטודענטען פון יאס זיך דערווייטערט פון זייערע יודישע חברים און זיי אויסגעשלאָסען פון זייער קאָא-פּעראציע, אזוי אז די יודען האבען גע-מוזט גרינדען אנ'אייגענעם פערבאנד.

נישט לאנג ווידער האבען די רו-מענישע סטודענטען פון יאס געמאכט אנ'עקסקורסיע קיין קאנסטאנטינאָפּעל און מען האט די יודישע סטודענטען צו דער עקסקורסיע נישט צוגעלאזען. ווען די יודישע סטודענטען זענען אוועק צום רעקטאר פון אוניווערזיטעט, וועלכער איז בעקאנט מיט זיין אנשטענדיגקייט און קאָרעקטהייט, און איהם געפרעגט די סבות פארוואס מען ערלויבט נישט יודען צו בעטייליגען זיך אין דער עקסקורסיע, האט ער געענטפערט:

די דאָזיגע נאציאנאלע עקסקורסיע, וועלכע די רעגירונג ארדענט איין אויף איהרע הוצאות האט דעם צוועק צו דערנעהנטערן די טערקען און די רו-מענער און אזוי ווי די יודישע סטו-דענטען זענען נישט קיין רומענישע בירגער, קאנען זיי זיך אין דער עקס-קורסיע נישט בעטייליגען.

דער דאָזיגער ענטפער האט אויף די יודישע סטודענטען, ווי אויך אויף דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג געמאכט א זעהר שווערען איינדרוק, נאר דאס איז נאך ווייניג געווען.

די טעג איז ווידער געקומען פון קאנסטאנטינאָפּעל קיין יאסי אנ'עקס-קורסיע פון טערקישע סטודענטען.

מען האט די טערקישע סטודענטען זעהר שיין אויפגענומען, פאר זיי גע-מאכט א באנקעט, און ווידער האט מען די יודישע סטודענטען שטארק בע-ליידיגט, ווען מען האט זיי צו דעם באנקעט און קבלת פנים נישט איינגע-לאדען...

דער דאָזיגער פאקט האט ארויסגע-רופען אזא צארן ביי די יאס'ער יודען, אז זיי האבען בעשלאָסען אלס פּראָ-טעסט אין דער גאסען-מאניפעסטאציע זיך נישט צו בעטייליגען און אויך קיין פלאגען נישט אויסצוהענגען.

אָבער ווענען דאך די יודישע סטו-דענטען מה יפית'ניקעס און אנשטאט אונטערצוהאלטען דעם פּראָטעסט, האָ-בען זיי זיך געווענדעט מיט אנ'אויפרוף צו די יודען, אז מען זאל קיין שום דעמאָנסטראציעס נישט מאכען...

אזוי שפּייט מען זיי אין פנים און זיי מאכען א שווייג—אזוי פערשקלאפט זע-נען די יודישע סטודענטען אין רומעניען.

וועלט-נייעס.

דער אלארם-גלאָק אין פראנצויזישען פארלאמענט.

אין פראנצויזישען פארלאמענט געפינט זיך אויפ'ן טישעל, ביי וועלכען עס זיצט דער פאָרזיצענדער, א ספּעציעלער אלארם-אפּאראט. דער דאָזיגער אלארם-אפּאראט איז אזוי איינ-געאָרדענט: הינטער א טעפּיך, וואס פער-דעקט די וואנד, ביז'ם פלאץ פון פאָרזיצענדער געפינט זיך א קליינע שאלטעל מיט פינף עלעקטרישע קנעפּלעך. די קנעפּלעך זענען פערבונדען מיט אלע פיער טירען, וואס פיה-רען אריין אין פארלאמענט און מיט די צימערען וואו ס'געפינען זיך שטענדיג פּאָליציי-אבטיי-לונגען אויף צו קומען צו הילף אין נויטיגען פאל.

ווען אין פארלאמענט קומט פאָר אנ'אנפאל ווי מיט 4 יאהר צוריק, צום ביי-שפּיעל, ווען איינער פון דער גאלעריע האט געשאָסען אויפ'ן מיניסטער בריאן און פער-וואונדעט דעם דעפּוטאט גירמאן, אָדער מ'קומט פאר א סקאנדאל, לעהנט זיך אן דער פאָרזי-צענדער אויפ'ן שטוהל אזוי, אז די קנעפּלעך ווערען אנגעדריקט און דער אלארם-אפּאראט הויבט אן צו קלינגען און צו רוישען. גלייך ווערען אלע טירען דורך די דינער געשלאָ-סען און פון בעזונדערע צימערען קומען ארויס די פּאָליציי-אבטיילונגען.

אויך אין ענגלישען פּארלאמענט איז איינגעפיהרט אנ'אלארם-אפּאראט, וועלכער גע-פינט זיך אויפ'ן פּרעזידענטען-טיש. מיט'ן דאָזיגען אפּאראט האט זיך בענוצט דער וויצע-פּאָרזיצענדער אקעל, ווען דער אנפאלער ניעגוס האט געשאָסען אויפ'ן וועסטין-מיניסטער.

* * *

ארעסטירט דורכ'ן דראטלאָזען טעלעגראף.

וואס פאר א נוצען דער דראטלאָזער טעלע-גראף ברענגט בעווייזט אונז פאלגענדער אינ-טערעסאנטער פאל: אויף דער שיף „פּרינצעסין צעצילייע", וועלכע איז געפאָהרען קיין ניו-יארק, איז די טעג ארעסטירט געוואָרען א געוויסער דרעסזען, וועלכער ווערט בעשול-דיגט אין נאכמאכען פאלשע וועקסלען און אנדערע שווינדלעריען. גלייכצייטיג מיט איהם איז ארעסטירט געוואָרען זיין בוכהאלטער יאנוזען. דרעסזען איז געווען א האלץ-הענדלער אין מילהיים. בעת דער פּראָקוראָר האט זיך דערוואוסט, אז די ביידע חברה-לייט זענען אנטלאָפען, האט ער טעלעגראפיש אנגעפראגט אין האמבורג און האט בעקומען א תשובה, אז זיי זענען מיט א פּאר טעג פריהער אבגע-פאהרען קיין אמעריקא. לויט דער פאָרדערונג פון פּראָקוראָר האט מען דורכ'ן דראטלאָזען טעלעגראף וועגען דעם מודיע געווען דעם קאפּיטאן פון דער שיף, און דרעסזען מיט זיין בוכהאלטער זענען ארעסטירט געוואָרען אין מיטען ים און איינגעזעצט געוואָרען אין א בעזונדערער קאבינע.

א ענליכער פאל איז, ווי מען געדענקט, מיט א פּאר יאהר צוריק פאָרגעקומען מיט'ן בעוואוסטען מערדער ד"ר קריפּען.

דער „אינדוסטריאל רעמובאל אפיס" אין 1913 יאהר

דער ניו-יארקער „אינדוסטריאל רע-מובאל אפיס", וואס זיין ציעל איז צו בעזעצען די יודישע איינוואנדערער אין די ווייניגער בעפעלקערטע שטא-טען פון צפון-אמעריקא, האט ארויס-געגעבען זיין בעריכט איבער זיין טע-טיגקייט אין 1913 יאהר. אין פערלויף פון'ם פערגאנגענעם יאהר האט דער אפיס געהאָלפען זיך איבערקלייבען פון ניו-יארק אין 855 פערשיעדענע שטעדט פון די אינערליכע שטאטען 6469 פערזאן.

די אויבען אנגעוויזענע צאהל ארויס-געשיקטע איינוואנדערער מאכט אויס איינגאנצען נאר 26 פראצענט פון דעם סך הכל מענשען, וואס האבען זיך גע-ווענדעט אין 1913 צום אפיס מיט דער בקשה זיי אריבערצופיהרען. דעם דאָ-זיגען פערהעלטניסמעסיג שוואכע פּראָ-צענט ערקלערט דער בעריכט מיט ד פאלגענדע סבות.

ערשטענס, האט שוין איצט דער אפיס אויסגעארבייט א ריכטיגע סיס-טעם ווי אזוי צו דערגעהן ווי ווייט דער אָדער יענער אימיגראנט פּאסט זיך, לויט זיין כאראקטער, זיין מלאכה און זיינע קענטעניסע, צו דער נייער סביבה און בכלל צו דעם נייעם ארט, אין וועלכען ער וויל איבערפאהרען.

צווייטענס, האט די געזעלשאפט ביז ערשט צו ווייניג אויסגעארבייטע פּלע-צער און צו ווייניג מיטלען אין פער-גלייך מיט דער מאסע איינוואנדערער, וואס ווענדען זיך צו איהר. מיט דעם וואוקס פון דער צאהל קאנדידאטען וואקסט אָבער אויך די צאהל פון די קאמיטעטען און פון די פערבינדונגען וועלכע דער אפיס שאפט זיך אין די פערשיעדענע שטעדט און קאנטען, און עס איז זיכער, אז וואס ווייטער וועט דאס גאנצע אמעריקאנער יודענטום אלץ מעהר אנטהייל נעהמען אין דער ארבייט פון דער געזעלשאפט.

די דריטע סבה, און זעהר א וויכ-טיגע, איז דער היי-יאהריגער נייער אינדוסטריעלער קריזיס, וואס האט זיך שוין געלאזט שטארק פיהלען אין אָק-טאבער 1913 און וואס האט זיך נא-טירליך געמוזט אברופען אויף דער אינערליכער בעוועגונג פון די איינ-וואנדערער אין אמעריקא.

אין פערלויף פון פערגאנגענעם יאהר האט דער אפיס זיך פערבונדען מיט 81 נייע פונקטען (אין 35 שטאטען) אין וועלכע ער האט נאך ביז דעם יאהר קיין אימיגראנטען ניט געשיקט.

פון 6469 יודען וואס דער אפיס האט געהאָלפען ארויספאהרען פון ניו-יארק אין פערגאנגענעם יאהר האבען זיך 4555 פערזאן ד. ה. בערך 70 פראצענט בעזעצט אין די מיטעלסטע שטאטען פון נארד-אמעריקא און נאר 25—4 פראצענט אין קאנאדא.

די פערפיהרטע מוטער
אדער
די אומגליקליכע טאכטער.
א שפּאַנענדער ראמאן פון לאָדזער לעבען.

(18

19. א טראפּען גיפט.

אויב מאקס האט נאך געצווייפעלט, צי איז איהם זיין פרוי געוואָרען אונ-געטריי, האט ער נאר אין גיכען געהאט די געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען, אז ס'איז לייד אנ'אמת.

ס'האבען זיך שוין געפונען גוטע מענשען, וועלכע האבען ליעב א צווייטען צו פערסמ'ען דאס לעבען, און האבען מאקס'ן אויך אריינגעלאזט א טראפּען גיפט אין זיין אויסגעמוטשעט געפּייניגט הארץ.

אין א פּאר טעג ארום נאך דעם ווי דארא האט זיך אזוי אומגעריכט בע-געגנט מיט פעליא'ן, האט מאקס בעקומען צוגעשיקט א אנאנימען בריעף, אין וועלכען ס'האט איהם געשריבען פאלגענדעס:

„געעהרטער הערר בלומענטאל!

אלס גוטער פריינד אייערער ערלויב איך זיך צו שרייבען אייך די דאָזיגע צייל-ען און בעט אייך, אז איהר זאלט אויף מיר קיין פאראיבעל ניט האבען, וואס מיין בריעף וועט אייך פערשאפען עגמת-נפש. איך מוז עס אָבער טהון, ווייל דא שטעהט אייער עהרע און די עהרע פון אייערע קינדער אין געפאהר.

ליעבער הערר בלומענטאל! אויב איהר ווילט פערהיטען אייער פא-מיליע פון אנ'אונגליק זאלט איהר שטרענגער אכטונג געבען אויף אייער פרוי, וועלכע ווערט פערפיהרט פון דעם ניעדערטרעכטיגען פרייס, וואס האט שוין אונגליקליך געמאכט ניט איין פרוי. אלע טאג טרעפען זיי זיך אויף „ראנדקעס" און זעהר אָפט פאָהרען זיי קיין ווארשוי ביידע צוזאמען און איהר מיינט נאר אפילו ניט וועגען דעם. אייער פרוי זינקט און פאלט וואס א מאל טיעפער, זי איז געוואָרען די געליעבטע פון אזא געמיינעם מענשען ווי פרייס איז, און אויב איהר וועט זיך באצייטענס ניט ארומקו-קען און ניט ראטעווען אייער כבוד — וועט שוין נאכדעם צו שפּעט זיין.

אייער איבערגעגעבענער פריינד א ד א ל ף."

מאקס האט זיינע אויגען ניט געוואָלט גלויבען, בעת ער האט געלייענט דאס בריוועל, ס'האט איהם געשווינדעלט אין קאפּ, דאס הארץ האט געשפּרונגען און זיך גע-צאפּעלט, דאס בלוט איז איהם פערגליווערט געוואָרען אין די אדערן און האט גוט גע-וואוסט וואס צו טהון מיט זיך פון שרעק, פון אויפרעגונג און כעס.

— ניין, דאס איז נאר א שפּיצעל פון א געמיינעם מענשען! — האט ער זיך אליין געוואָלט טרייסטען אין ערשטען מאמענט.

אָבער ער האט לייידער צו גוט געוואוסט, וויפיעל אמת אין דעם דאָזיגען בריוועל איז פארהאן. מאקס איז געבליבען זיצען איינער אליין אין קאנטאר בעטראכטענדיג זיין שרעקליכע לאגע. פּלוצלונג איז אריינגעקומען ווארשאוויאק, זיין בעסטער פריינד און ראטגעבער ביי יעדע צרה. ער האט איהם געוויזען דאס בריוועל.

— ווארשאוויאק,—האט ער זיך אנגערופען, — איך בין דער אונגליקליכסטער מענש אויף דער וועלט!... ער האט נישט ווייטער געקאנט רעדען.

ווארשאוויאק האט געקוקט אויף איהם מיטלייד און געלייענט, אָבער ער האט די האנדשריפט נים דערקענט.

— ניין,—האט ער געזאגט,—איך ווייס ניט ווער ס'האט דאס געשריבען.

מאקס האט נאכאמאל גענומען דאס בריוועל אין דער האנד ארויף, איז פלינק דורכגעלאָפען מיט די אויגען דאס בריוועל מיט א געמאכטער פרעהליכקייט, אין וועלכער ס'האט זיך געפיהלט א שרעקליכע נערוועזישע אויפרעגונג:

— אדאלף... איך וואלט נאר געוואלט וויסען, ווער דער אדאלף איז... מיין גוטער פריינד... וואס וויל ראטעווען מיין כבוד...

ער איז ארומגעלאָפען איבער'ן קאבינעט ווי א וואהנזיניגער.

— א, ווען איך וואלט דעם אדאלף געקענט, — האט ער א גע-שריי געטהון און פערביסען די ליפּען פון וועהטאג.

ער האט ווידער געגעבען ווארשאוויאק'ן דאס בריוועל.

— נאט, לייענט.

ווארשאוויאק האט איבערגעלייענט דעם בריעף. — גלויבט ניט די אלע רכילות'ן און פּליאטקעס,—האט ער זיך אנגערופען,—דאס ווילען שלעכטע מענ-שען צעשטערען אייער לעבען...

ער האט מעהר ניט געזאגט און איז ... קאנטאר. ער האט לייידער אויך געוואוסט, אז דאס וואס אין בריעף שטעהט איז אנ'אמת, און ער האט איצט דעם מוט ניט געהאט צו קוקען מאקס'ן גלייך אין די אויגען אריין.

מאקס איז געבליבען אליין מיט זיינע פינסטערע געדאנקען. ער האט בעשלאָסען אצינד נעמליך אכטונג צו געבען אויף זיין פרוי און איינמאל פאר אלע מאל מאכען א סוף צו זיינע קוואלען און ליידען.

ער האט בעהאלטען דעם בריעף און איז אוועקגעגאנגען א היים. דאָרט'ן האט ער אפילו מיט קיין מינע ניט בעוויזען, אז ער איז אונרוהיג אָדער אויפגערעגט.

ס'איז איהם אָבער ניט בעשערט געווען צו בערוהיגען זיך. יעדען טאג האט ער זיך דערוואוסט עפּעס נייעס וועגען זיין פרוי. און דאס האט אלץ פער-שטארקט זיין נערוועזישקייט און זיין אויפרעגונג.

אין א פּאר טעג ארום נאכדעם ווי ער האט בעקומען דאס בריוועל איז מאקס געפאהרען קיין סאסנאָוויץ.

אין וואגאָן האט ער זיך געטראָפען מיט איינעם אונבעקאנטען יונגען לייט פון לאָדז, מ'האט זיך צורעדט וועגען געוויסע פערזאָנען פון לאָדז און ענדליך איז דער שמועס ארויפגעקומען אויף לאָדזער פרויען. און פּלוצלונג האט ער דערהערט דעם נאמען פון זיין פרוי.

— אך, איז דאס א געמיינע פרוי, די בלומענטאל,—האט זיך אנגערופען איינער פון די יונגע לייט,—א פרוי פון אזא שטאנד זאל זיך אזוינס ערלויבען... זי האט שוין ארויסגעוואָרפען די שאנדע פון זיך און איז גאנץ עפענטליך געוואָ-רען די געליעבטע פון ארטור פרייס.

מאקס איז געבליבען זיצען א טויטער, ער האט שיער ניט א אפּאָפּלעקסיע בעקומען. צוזאמענגענעמענדיג זיך מיט אלע קרעפטען איז ער מיט צוטערנדיגע טריט קוים האלטענדיג זיך אויף די פיס ארויסגעגאנגען אויף דער פּלאטפאָרמע.

דא איז איהם א פּאר מאל דורכגעלאָפען א געדאנק דורכ'ן קאפּ ארונטער-צואווארפען זיך אונטער די רעדער פון צוג, אָבער פּלוצלונג האט ער זיך דער-מאהנט אן זיינע ביידע קינדער, די געשטאלטען פון זיינע טייערע ... זענען ווי לעבעדיג ... אויסגעוואקסען פאר זיינע אויגען, און ער האט ... מוט.

— ניין,—האט ער א זאג געטהון צו זיך אליין,—קעמפען מוז איך, קעמפען און זיך נוקם זיין אין דעם באנדיט.

20. זי וויל זיך ראטעווען.

ביי פעליא ליבערמאן איז דארא געזעסען א דערשלאגענע און א פערזאָרגטע.

— גיעב מיר אנ'עצה,—האט זי געזאגט צו פעליאן מיט טרעהרען אין די אויגען,—ווי אזוי איך זאל זיך ראטעווען פון זיינע הענד.

פעליא האט געקוקט אויף איהר בלומר'שם מיט רחמנות, האט געקוקט אויף איהר געזיכט, וואס האט זיך אזוי שטארק פערענדערט אין דער לעצטער צייט און האט זיך אנגערופען:

— דו מאכסט דערפון טאקי עפּיס א גאנצע טראגעדיע. איך זעה דא ניט קיין שרעקליכעס, דו קענסט זיך לייכט פון איהם אבטשעפּען אז דו ווילסט.

— לייכט! — האט זיך דארא היסטעריש צולאכט,—דער טייוועל אין דער געשטאלט פון א מענש פערפאלגט מיך אויף שריט און טריט, ער גיעט מיר ניט קיין רוה. נעכטען האב איך זיך ניט געוואָלט בעגעגענען מיט איהם האט ער מיר שוין געסטראשעט...

— וואס קען ער דיר טהון? — האט פעליא בעמערקט.

— ער קען מיר אנטהון די גרעסטע שאנדע... ער האט מיינע בריעף...

דארא האט בעהאלטען דעם קאפּ אין די הענד און האט זיך צעוויינט.

— זעהסטו, אט דאס האלט איך אויף איין פאל,—האט זי זיך פּלוצלונג אנגערופען ארויסנעהמענדיג א פלעשעלע מיט גיפט.

(פארזעצונג קומט).

קיעווער יודען און די קאלאניזאציע אין פאלעסטינא.

(א וויכטיגער פראיעקט פון לעוו בראדסקי).

די טעג איז אין קיעוו פארגעקומען א פעראייניגטע זיצונג פון אלע קאמי־טעטען פון דער געזעלשאפט צו שטיצען די קיעווער ארימע יודען. די זיצונג האט געטראגען א לעבהאפטען כאראקטער.

בעטראכט געווארען איז אויף דער זיצונג די פראגע, צי די געזעלשאפט קאן אנווענדען איהר אומטאן בנוגע די פון קיעוו ארויסגעשיקטע יודען. די לעצטע צייט איז אין קיעוו פארהאן א גרויסע צאהל יודען, וועלכע האבען אנ־געהאלטען דאס האוזרעכט דורך פער־שיעדענע „ערקלערונגען". דער גרעסטער טייל פון די ארויסגעשיקטע יודען עמי־גרירט. צווישען די עמיגראנטען זענען אויך פארהאן א וועלכע יודען, וועלכע האבען בעדר און ווילען זיך בעזעצען אין פאלעסטינא און זיך דארט פער־נעהמען מיט לאנדווירטשאפט. נישט אלע פון זיי האבען אבער די נויטיגע מיטלען, כדי צו קויפען ערד און אלע איינריכטונגען.

דער בעוואוסטער מיליאנער ל. בראד־סקי האט דעריבער איצט בעשלאסען קומען צו הילף די דאזיגע יודען. אין „גמילת חסד", וואו ער איז פארזי־צענדער האט ער איינגעבראכט א פאר־שלאג, אז ער וויל קויפען אויף איינע־נער רעכנונג ערד אין פאלעסטינא און צעטיילען עס אין געוויסע חלקים, וועל־כע וועלען איבערגעגעבען ווערען אויף אויסצוצאהלען די יודען וואס ווערען ארויסגעשיקט פון קיעוו.

בראדסקי'ס פארשלאג איז מיט גרויס צופריעדענהייט אויפגענומען געווארען און איינינע יודישע פינאנסיסטען, וועל־כע זענען געווען אויף דער זיצונג האבען אויך ערקלערט זייער בריימווילינ־קייט צו בעטייליגען זיך אין דער זאך, און ס'איז בעשלאסען געווארען זיך משתדל צו זיין וועגען ענדערן דעם או־סטאוו פון דער געזעלשאפט אין צוזא־מענהאנג מיט בראדסקי'ס פארשלאג און איבערצוגעבען א ספעציעלע קאמיסיע אויסצוארבייטען דעם פלאן ווי אזוי דעם פארשלאג צו פערווירקליכען.

ס'איז אויך בעשלאסען געווארען איינ־צולאדען קיין קיעוו דעם פראפעסאר ווארבורג, דעם פארזיצענדען פון ציוני־סטישען אקציאנס-קאמיטעט און איינינע טהוער, וואס זענען בעקאנט מיט דער קאלאניזאציאנס-ארבייט אין פאלעסטינא.

וואס הערט זיך אין לאדז.

פון פאזנאנסקי'ס שפיטאל.

(ש) מיט איינינע טעג צוריק האבען די ציימונגען געבראכט א מעלדונג, אז פאזנאנסקי'ס שפיטאל, וועט ווערען גע־שלאסען, אויב די לאדזער יודישע גמינע וועט נים בעצאהלען דעם חוב פון איבער 40,000 רובל, וואס זי איז שול־דיג די פערוואלטונג פון שפיטאל פאר הייל'ן ארימע קראנקע.

ווי מיר דערוויסען זיך איצטער פון זיכערע קוועלען, בעשטעהט די זאך אין פאלגענדען:

פאזנאנסקי'ס שפיטאל האט א דעפיציט פון איבער 40,000 רובל, וועלכע מוז געדעקט ווערען.

ווי בעוואוסט, האט זיך די פערוואל־טונג פון שפיטאל געווענדעט טעלעג־ראפיש צום פעטראקאווער וויצע-גובער־נאטאר, מיט דער ביטע צו ערלויבען אז די לאדזער שטאדט-קאסע, און נישט די יודישע גמינע, זאל איהר העלפען דעקען דעם דעפיציט, קיין ענטפער איז נים אנגעקומען.

